# געבראַכט וועטשערע צו דער צײַט

## אָנטיילנעמער פֿון עלפֿטן קאָנפֿערענץ פֿון IAYC

## זונטיק, 5 אויגוסט, 2007, קליוולענד, אָהײַאָ

כאָטש עס גייט אַ רעגן, און איז טונקל אויף דער גאַס,
האָב איך ניט קיין שירעם, און די פּלייצעס ווערן נאַס.
מוז איך פֿאָרן, ווײַל עס וואַרט אויף מיר מײַן מלכּהלע.
אויב איך קום ניט צו דער צײַט — וועט זי זײַן אין כּעס.

בלויז האָב איך צוויי רעדער און אַ לאַנגן וועג צו איר.
וואַרט זי שוין בײַם פֿענצטער און זי קוקט אַרויס נאָך מיר.
כאָטש איך בין שוין שפּעט, איז די וועטשערע נישט קאַלט.
פֿאָרן פֿאָר איך גיכער, און איך קלאַפּ שוין אויף איר טיר.

באַגריסט זי מיך גאָר פֿײַן, און מיר הייבן אָן צו עסן.
אין דער פֿאַרע פֿון דער יויך ווערט דער רעגן לאַנג פֿאַרגעסן.